# פרשת חיי-שרה

## משיחת יו״ד שבט ה׳תשמ״א

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

איינע פון די ספורים זיינע אין וועלכע ער האָט מאריך געווען, אַז ווי אַזוי נאָך בחיי אביו האָט אים דער פאטער זיינע געשיקט אין א שליחות אין פעטערבורג – וואָס איז דעמאָלט (געווען דער) געווען דער עיר הבירה, און ס׳איז געווען ווינטער-צייט,

און ער האָט דערנאך דערציילט אַז בשעת ער איז דעמאָלט געווען ביי איינע פון די שרי המלוכה, וואָס איז געווען א היפך פון אוהב ישראל, און האָט אים באשטעלט א זמן מיוחד - יענע האָט זיך בכלל געפירט ווילד- איז דאָס געווען בלילה, און מאריך געווען בביקורו אצלו און אין די שיחה און דערנאך בשעת אוועקגייענדיק איז שוין געווען שפעט ביינאכט.

און דערנאך געזאגט אַז כאטש אפילו ער איז געווען אנגעטאן אין א גרויסען ״פוטער״ – א פעלץ מאנטל – ווי ס׳פאסט פאר דעם ״אקלים״, פאר דעם אויר אין פ״ב וואָס איז געווען אין בימות החורף, איז דאָס געווען אזא קעלט אַז ניט קוקנדיק אויף די זהירות און די לבושים מיוחדים האָט ער געמוזט ארייגייען אין א בית מרזח – אין אן ארט וואָס דארט האָבן זיך געפונען פארשידענע מענטשן אָבער וואָס שפעט ביינאכט איז דאָס אויך געווען אָפן, כדי ער זאָל זיך קאנען דערווארעמען ניט קוקנדיק אויף אָט די לבושים.

וואָס אין דעם סיפור פון נשיא דורנו, איז דאָך דא כמה פרטים, און וויבאלד ער האָט זיי דערציילט מיט די פרטים, איז דאָך יעדער פרט א הוראה.

אין דערויף איז אָבער דא א הוראה כללית פאר יעדער עסקן צבורי, וואָס יעדער עסקן צבורי, כמדובר, גייט דאָך אַרויס פון די ד׳ אמות של תורה,

- ניט חס ושלום ער גייט אַרויס ווייל ער וויל ניט לערנען, נאָר ער מוז מפסיק זיין און נעמט מיט מיט זיך תורה בזכרונו, ער מוז אָבער דורכפירן זיין שליחות אַלס אן עסקן צבורי, -

דאַרף ער אבער וויסן זיין אַז אַז מ׳גייט אַרויס מחוץ לד׳ אמות של תורה ותפילה, דאַרף מען אנטאן א פעלץ – **א פוטער מאנטל, לבושים מיוחדים!**

- וואָרום ער גייט אַרויס פון די ווארעמקייט פון אידישקייט, פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות און דאווגען ״דע לפני מי אתה עומד״ –און ער גייט אַרויס בחוץ, און דאַרף זיך דאָרטן טרעפן מיט ענינים וואָס זיי זיינען ענינים של חוץ, אויך מיט מענטשן וואָס זיי זיינען מחוץ ליישוב העולם –

איז איידער ער טוט דאָס, דאַרף ער נאָך זייענדיק אין זיין הויז, אין אידישקייט, דאָרטן אנטאן לבושים מיוחדים,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.







# פרשת חיי-שרה

אף על פי וואָס ער טענה׳ט זיך: וואָס דאַרף ער האבן? ער ביז איצטער געלעבט א משך זמן, און ניט געטראגן קיין "פוטער מאנטל" – קיין פעלץ, על אחת כמה וכמה אַז דאָס פארלאנגט מ׳זאָל אויסגעבן א סכום גדול, און דערנאָך דאַרף מען דאָס טראגן – און ס׳ווייזט זיך אויס אַז דאָס איז א משא, און אן דעם פעלץ פילט ער זיך פרייער, און ער זעהט ניט קיין נויטקייט אין אים,

זאָגט מען אים: אַז אָט די וואָס זיי זיינען רופאי הנפש, וואָס דאָס איז בדוגמא פון רופאי הגוף, און זיי זיינען זיך מוסר נפש אויף וויסן די הוראה פאר די הנבוכים, און וויסן אין וואָס האלט זיך בריאות הנפש,

און דאָס קען ער אליין ניט וויסן וואָרום ער איז ניט קיין רופא גוף ורופא נפש, ער האָט ניט געהאט קיין צייט אדער מאיזה סיבה שתהיה, אַז ס׳קומט צוגיין א מנוסה ומומחה באותו ענין און דערציילט אַז אים האָט מען געשיקט אין עיר הבירה, און דארט ער האָט זיך געטראפן מיט שרי המלכות, איז צום אלעם ערשטן איז געוועזן דער שליחות אַז זאָל זיין אין אן אופן אַז דערפון זאָל אַרויס א טובה פאר אידן,

אָבער ער דאַרף אָבער וויסן אַז איידער ער גייט אין דער שליחות, און ווי מ׳זעהט דאָס בפשטות אַז דער סדר איז ניט מ׳גייט אַרויס מיט לבושי קיץ בחוץ, און ערשט דאָרטן גיט מען א קוק וואָס טוט זיך מיט דעם "אקלים" מיט דעם "טעמפעראטשור", און דערנאָך גייט ער צוריק און שלעפט דעם פעלץ מאנטל און טוט עם אן –

נאָר ער פרעגט ביי אָט די וואָס האבן שוין דאָס געפראווט, וואָס דאַרף מען טאָן אויף צוגרייטן זיך כדי צו דורכפירן די שליחות און אין אן אופן אַז זיך זאָל דאָס ניט שאטן,

זאָגט מען אים אַז לכל לראש דאַרף ער אנטאן לבושים מיוחדים.

אָט די אַלע לבושים וואָס איז געגעבן פאר א אידן ווען ער געפינט זיך אין ד׳ אמות של תורה און ד׳ אמות של תפילה – מוז ער האבן לבושים נוספים, לבושים וואָס זיי זיינען מפסיק און זיי זיינען מגן פאר די קעלט וואָס געפינט זיך מחוץ הימנו, איז דאָס איז א הגנה און דאָס איז א הפסק און דאָס טיילט אים אויס צווישן די קאלטקייט וואָס איז אין גאס, און זיין ווארימקייט פון דעם גוף, וואָס כדי דאָס זאָל זיין אן אמת׳ער אידישער לעבעדיקער גוף, דאַרף ער זיין אנגעווארעמט מיט תורה ומצוותיה – מיט אידישקייט,

איז אף על פי וואָס בשעת ער געפינט זיך ביי זיך אין שול, אדער ביי זיך אין ישיבה, אדער ביי זיך אין היים, איז גענוג אַזויפיל און אזויפיל מצוות, וואָס יעדער מצוה ווערט דאָך אנגערופן בשם לבוש,

איז ארויסגייענדיק מחוץ פון דעם אויר איז אָט דעמאָלט איז א הכרח גמור ער זאָל מוסיף זיין מיט נאָך לבושים,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חיי-שרה

ער קען דאָך טענה׳ן אַז ער טוט אן נאָך א לבוש ווערט דאָך א הפסק צווישן אים מיט די קאלטקייט אין גאס, וועט ער ניט קענען אויף איר פועל זיין, כדי אויף איר צו פועל זיין דאַרף ער זיך צוגלייכן צו איר, און אראפלאזן פון זיין ווארימקייט, ואדרבה: אויסטאן ח״ו עפעס פון זיינע אידישע לבושים,

זאָגט מען אים: אדרבה, כדי צו מצליח זיין דאַרף ער זיין א געזונטער מענטש, כדי צו זיין א געזונטער מענטש דאַרף ער זיין א געזונטער איד, כדי צו זיין א געזונטער איד איז ״הם חיינו ואורך ימינו״ דאַרף ער זיין דורכגענומען מיט אידישקייט – מיט תורה ומצוותיה,

און דווקא דורך דערויף איז ער מצליח, אַז ער קאלטקייט זאָל ווערן אַלס ווייניקער און ווייניקער, ביז וואַנענט אַז ס׳ווערט באלויכטן און אנגעווארעמט דער כל העולם כולו מיט דער ווארעמקייט פון תורה ומצותיה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.